בעזהשי״ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**

**ע״ד הסלולה של רביה״ק מוהר״ן מברסלב זי״ע**

**מאת הרה״ח ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל**

**מתובל בסיפורי עובדות מאנ״ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס מ״ט, פרשת חיי שרה תש״פ

# תוכן השיעור

'תכלית הבריאה'
'מי יתן והיה לנו מנהיג רועה נאמן'?!
ארויס פון די 'כלים'!
וועמען זענט 'איר' מקנא?...
מיר זאגן נישט 'די דיבורים'...
פון 'וועמען' רעדן מיר?
'ותקננו בעצה טובה מלפניך'
'וממשיך השגחה מקץ האחרון'
'היתה לי דמעתי לחם'
'לרגעים תבחננו'
"אן אלטער טראק"...
'ואי אתה בן חורין ליבטל ממנה'
'מפני שיבה תקום'

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 49

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$ עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת כי תצא (ג'), תשל"ד

(טייפ מס' 48#)

## 'תכלית הבריאה'

(שיעור בליקוטי מוהר"ן - תורה ל"ט תניינא:) **לכו חזו מפעלות ה' אשר שם שמות בארץ.**

**כי באמת הדבר נפלא ונורא מאוד, אשר ברא השי"ת את כל הבריאה, שיש בה כמה וכמה דברים נפלאים ונוראים הרבה מאוד מאוד, מה רבו מעשי ה'!**

**ואפילו בזה העולם לבד עצמו נפלאות ה', אשר ברא דוממים וצומחים וכו', ומי יוכל לשער גדולת ה' שיש בבריות של זה העולם, מכל שכן שאר העולמות. - והכל כאשר לכל לא נברא אלא בשביל ישראל!**

**וישראל בעצמן, עיקר בריאתן בשביל 'בחינת שבת' שהוא התכלית! כי שבת הוא תכלית מעשה שמים וארץ, שהוא בחינת 'עולם הנשמות', שהוא עולם שכולו שבת,** דער 'שבת' איז דער תכלית! דער תכלית פון שמים וארץ! דער תכלית פון די גאנצע בריאה איז נאר געווען כדי ס'זאל זיין שבת! און דער שבת איז 'עולם הנשמות' - 'עולם שכולו שבת'.

**ושם ישיגו את השם יתברך כראוי, בלי שום מסך המבדיל ובלי שום מונע,** דעמאלטס וועט מען דערקענען דעם אויבערשטן, 'עולם הנשמות'! עס וועט נישט זיין קיין גופניות, קיין שום פארשטעלעכטסער... - קיין שום מסך המבדיל וועט נישט זיין, **כי אז יהיה נעשה 'אחדות גמור'!**

**וכל אחד יהיה מראה ב'אצבעו': "זה ה' קוינו לו!" - כמאמר רז"ל,** דער לשון 'מראה באצבעו' איז דער פשט, איצטער איז דער אויבערשטער פארשטעלט, לבושים מיט לבושים.

ווער זענען די לבושים? טאקע 'די' וועלט, דאס גשמיות! ווייל דא איז דא 'גופים', און מען מוז דאך האבן די אלע הצטרכות'ן וואס דער גוף מוז האבן, אכילה, שתיה, און די אלע זאכן! ממילא דאס איז א מסך המבדיל, עס פארשטעלט, קען מען נישט (בעוה"ז) ווייזן באצבעו 'זה השם', ווייל ס'איז דא א מסך המבדיל!

אבער דעמאלטס (לעתיד לבא) וועט דאך נישט זיין קיין שום מסך המבדיל! ס'וועט זיין אן 'עולם הנשמות', וועט מען ווייזן באצבעו 'זה ה' קוינו לו'.

**וזהו התכלית, שבשביל זה ברא השי"ת את כל הבריאה כולה,** דאס איז דער תכלית! צו קומען דערצו - צו דערקענען דעם אויבערשטן (בזה העולם) אן קיין 'מסך המבדיל!

**ועל כן יש בוודאי בכל דבר ודבר שנברא בעולם 'בחינת התכלית',** וויבאלד דורך יעדער זאך דארף מען דערקענען דעם אויבערשטן, איז אין יעדער זאך ליגט א 'תכלית'! אין יעדער זאך איז דא עפעס א בחינה פון 'תכלית'!

❖

**כי בכל דבר ודבר יש בו 'התחלה וסוף'! - דהיינו, ה'התחלה' ממקום שנשתלשל בהשתלשלות, עד שנתגשם ונתהוה בזה התמונה והדמות; וגם יש בו בחינת ה'תכלית והסוף' שבשביל זה נברא.**

יעדע זאך האט א 'תכלית'! אין אנהויב איז דאך געווען אוודאי אלעס נאר 'אלקות', נאר אינמיטן איז געווארן א 'לבוש פון גשמיות'; ס'איז געווארן 'די' בחינה (נשתלשל באופן כזה), און דער סוף איז ווידער דער 'תכלית'!

אין יעדער זאך (שבעולם) איז דא די 'התחלה' און דער 'סוף', נאר אינדערמיט איז דא א גשמיות'דיגע בריאה, - אינדערמיט איז געווארן די גשמיות, אבער די 'התחלה' און דער 'סוף' איז אלם דער 'תכלית'!

אין יעדער זאך (במעשיו של האדם) איז אזוי, א מענטש, כאטש אינדערמיט כאפט זיך אריין דאס גשמיות... נאר דער 'אנהויב' מיטן 'סוף' זאל זיין (כוונתו) דער תכלית! - דער 'אנהויב' זאל זיין תכלית, און דער 'סוף', אינמיטן כאפט זיך אריין א גשמיות'דיגע זאך...

אזוי איז געווען ביי די בריאה אויך אזוי; דער אנהויב איז אוודאי געווען וועגן דער 'תכלית', דער אנהויב פון די בריאה איז דאך געווען בשביל התכלית! און דער סוף איז דאך אויך דער 'תכלית', און אינדערמיט איז דא א גשמיות'דיגע זאך (עולם הגשמי). **דהיינו, שיכולין ישראל להעמיק עיונם, ולדעת ולהתבונן בפרטי הבריאה וכו'** (עיי"ש בליקו"מ).

❖

## 'מי יתן והיה לנו מנהיג רועה נאמן'?!

**וצריך כל אחד להעמיק עיונו בזה, לדעת ולהכיר גדולת הבורא בכל דבר ודבר, בתבניתו ודמותו, בפרטיות איבריו, ובנינו וכיוצא בזה, ולעבדו יתברך בזה, עד אשר יבוא לבחינת ה'תכלית' של אותו הדבר, שהוא בחינת 'שבת - עולם הנשמות' וכו'.**

**והנה הבעלי שכל שיש להם שכל גדול, הם יכולים זאת; אבל קטני ערך כמונו היום, שכולנו במדרגה פחותה מאד - בבחי' 'רגלין', איך אפשר לנו לבא לידיעה זו?**

**ועל כן יש לנו לכסוף ולהתגעגע ולהשתוקק מאד, מי יתן והיה לנו 'מנהיג הדור - רועה נאמן' שיהי' לו זה הכח, שיוכל להאיר אפילו בנו בבחי' 'רגלין',** - אויך אריינשיינען די ידיעה והשגה הנ"ל, **שנזכה לבא אל ה'תכלית',** כמו משה רבינו ע"ה, שמגודל עוצם מעלתו האט ער געקענט אריינלייכטן אפילו אין א 'פחות שבפחותים', אפילו אין א 'שפחה', כמו שאמרו רבותינו ז"ל "ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל הנביא", הרי שאפילו יחזקאל שהי' נביא גדול כזה, לא הי' רואה מה שראתה 'שפחה' בימי משה - אלעס מיטן כח פון משה'ן!

**וכל זה מחמת גודל עוצם מעלת המנהיג, שהיה משה רבינו המנהיג, והוא יכול להאיר אפילו בבחינת 'רגלין',** - שאפילו ה'רגלין' שרחוקים מהמוח, די 'רגלין' זענען דאך ווייט פונעם מוח, די רגלין איז דאך דער סוף פון די קומה, דער

מוח איז דאך דער אנהויב פון די קומה, **אעפ"כ גם הם יוכלו להשיג ולדעת ה'תכלית', על ידי מפעלות ה' אשר ברא בעולם השפל הזה כנ"ל.**

**כי על ידי גדולת המנהיג יכול להמשיך ה'מוח' אפילו לה'רגלין', ואז יוכל להיות שה'רגלין' אלו הם גדולים מ'מוח' אחר,** דער מנהיג קען ארײנלײכטן, אז די רגלין (אנשים פחותי ערך) פון דעם מנהיג, זאלן זײן גרעסער פון אן אנדערן מוח!

עס שטײט טאקע אין זוהר הק' אזוי:[א] 'הוי זנב לאריות, ואל תהי ראש לשועלים', זאגט דער זוהר הק', װײל דער 'שועל', איז דער קאפ זײנער אויך נאר א 'שועל'... און דער 'ארי-ה', איז אפילו דער זנב אויך אן 'ארי-ה'! װאו ער רירט זיך, איז אלץ 'ארי-ה'! און דער 'שועל' װאו ער רירט זיך נאר אפילו, איז עס אלעם 'שועל'! ממילא, אז מען איז בײ 'דעם ארי-ה', איז װאס איך בין, װער איך דאך (א חלק) פון 'דעם ארי-ה'!

דאס איז אויך דאס אײגענע, בימי משה, האט אפילו א 'שפחה' משיג געװען מערער װי יחזקאל הנביא, װײל די שפחה איז דאך געװען פון משה'ן (בחי' רגלין שלו), א זנב לאריות, "כי על ידי גדולת המנהיג יכול להמשיך המוח אפילו לה'רגלין', ואז יוכל להיות שה'רגלין' אלו הם גדולים מ'מוח' אחר!" וזהו, 'לכו חזו' וכו' (עיי"ש בליקו"מ).

❖

**וראוי לנו לומר זאת בבכיה בדמעות שליש, לבכות ולהתגעגע, לבקש ולהתחנן לפניו יתברך, מתי נזכה לזה, שיהיה לנו זה הדעת, שנוכל לדעת ולהכיר הבורא יתברך מכל דבר של זה העולם בפרטי פרטיות כנ"ל, עד התכלית כנ"ל.**

**וכפי המדרגה פחותה שלנו עתה, וכולנו אין פנינו יפות כלל, אנו צריכין שירחם עלינו השם יתברך, ליתן לנו מנהיג רועה נאמן, שיוכל להאיר בנו ידיעה הנ"ל, כדי שנוכל לעבדו יתברך כראוי ולבוא אל התכלית כנ"ל.**

---

[א] פרשת תרומה דף קמ"ז ע"ב: **וּבְגִין כָּךְ אָמְרוּ קַדְמָאֵי דְּלֶיהֱוֵי בַּר נָשׁ זַנְבָא לְאַרְיָוָתָא וְלָא רֵישָׁא לְשׁוּעֲלַיָּא, דְּכַד אִיהוּ קַיְימָא גּוֹ אַרְיָוָתָא אִקְרֵי כֹּלָּא בִּכְלָלָא דְּאַרְיָוָתָא, זַנְבָא דְּאַרְיָא אַרְיָא אִיהוּ בְּלָא פְּרוּדָא, וְאִי בְּגוֹ שׁוּעָלִים, אֲפִילוּ אִיהוּ רֵישָׁא, רֵישָׁא דְּשׁוּעָל שׁוּעָל אִיהוּ בְּלָא פְּרוּדָא וְשׁוּעָל אִקְרֵי.**

אונזערע לייט פלעגן אזוי זאגן, אז דער רבי זאגט דא (ליתן לנו מנהיג רועה נאמן), מיינט ער טאקע דא, אז 'ער' זאל נתגלה ווערן! **'מיר' זאלן האבן דעם מנהיג! דער מנהיג איז דא! דער מנהיג איז נאר נעלם!**

משה רבינו איז געווען אין מדבר, האט מען געוואוסט אז משה רבינו איז דער מנהיג, אלע האבן געוואוסט! די וואס האבן נאר געגלייבט אין משה'ן, אפילו ער איז געווען א (בחי') 'רגלין', האט ער אויך געקענט אריינשיינען אין זיי!

מיר זאלן אויך האבן, 'מיר' זאלן האבן דעם מנהיג! דער מנהיג זאל נתגלה ווערן (אצלינו), 'מיר' זאלן האבן דעם מנהיג! מיר זענען אלע אין א מדריגה פחותה.

אין אומאן פלעגט מען אזוי לערנען פשט אין דער תורה, אז דאס מיינט דער רבי!

"מי יתן והיה... אז דער רבי זאל נתגלה ווערן (אצלינו), **אז 'מיר' זאלן האבן דעם מנהיג! דער מנהיג איז דא, אבער מיר האבן אים נישט, מען גלייבט נישט אין אים!**

❖

**השׂשת ימים הם ההתחלה שבהם נברא הכל.** דער רבי האט געזאגט אויבן, אז דער שבת איז דער 'תכלית' - איז די גאנצע וואך איז די 'התחלה'! אין דער וואך איז נברא הכל - **ושבת הוא הסוף והתכלית.**

**ובוודאי יש חילוק בין הבריות; כי בודאי יש חילוק בין מה שנברא קודם ובין מה שנברא בששי, שהוא סמוך יותר לשבת.** דער מענטש איז באשאפן געווארן בששי, איז ער דאך נאנט צום שבת, דער מענטש איז נאנט צום תכלית מער ווי די גאנצע בריאה! דערפאר איז ער באשאפן געווארן נעבן שבת, ער זאל זיין נאנט צום תכלית!

**ואיתא בספרים, "כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ", שגם ה'ששת ימים' בעצמן נבראו, והם בסוד עגולה אל הנקודה פנימית, שהיא שבת** (זוהר, ויקהל ר"ד), **אך אעפ"כ יש חילוקים.**

ס'גייט ארום אן 'עיגול' און א 'נקודה הפנימית', און איגאנצן ארום און ארום דעם עיגול ציהט אלעם חיות פון די נקודה הפנימית. פונדעסטוועגן זאגט דער רבי, קומט

דאך (לכאורה) אוים פון דארטן, אז דער גאנצער עיגול איז גלייך, אלעס ציהט דאך חיות פון די 'נקודה הפנימית'! זאגט דער רבי, אז ס'איז דא א חילוק, דער חילוק איז, די וואס זענען נענטער צו די נקודה (הם קרובים יותר להתכלית).

❖

**מה שאמרו רז"ל (עירובין י"ג:): "נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא", וכן מה שכתוב (קהלת ד'): "וטוב משניהם את אשר עדן לא היה", - הדבר תמוה: ואם כן על מה נברא?**

**ובודאי אין הדברים נאמרין כי אם בעולם הזה, שכפי צרות עולם הזה והיסורין שסובלין בני אדם בזה העולם כל אחד ואחד, בודאי היה טוב יותר אם לא היה נברא כלל. אבל בעולם הבא בודאי טוב יותר מה שנברא, כי על ידי זה דייקא באין אל התכלית כנ"ל. וגם אפילו בעולם הזה - "יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה, מכל חיי העולם הבא".**

אויב צוליב עולם הזה, איז נמנו וגמרו אז ס'איז בעסער שלא נברא! אויב צוליב עולם הבא איז יא כדאי (שנברא), אזוי קען ער דאך קומען צום תכלית![ב]

❖ ❖ ❖

# ארויס פון די 'כלים'!

אויבן האבן מיר געלערנט אין תורה כ"ח (תניינא): **"דע שיש חילוקים בין התורות; יש תורה שניתנה לדרוש ולא ניתן לכתוב, ויש שניתנה לכתוב (וכו'), מי שמכיר בין התורות שניתנו לכתוב ושלא ניתנו לכתוב, הוא יכול להכיר בין ישראל לאומות"**, מען קען דערקענען צווישן אסאך גוים - א 'איד'!

---

[ב] עיין כוכבי אור - ששון ושמחה, בהגה הארוך: כִּי מַה שֶּׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זַ"ל 'נֹחַ לוֹ לְאָדָם שֶׁלֹּא נִבְרָא' וְכוּ', וְהַכָּתוּב "טוֹב מִשְּׁנֵיהֶם אֶת אֲשֶׁר עֲדֶן לֹא הָיָה", לֹא נֶאֶמְרוּ כִּי אִם עַל חַיֵּי הָאָדָם שֶׁבָּעוֹלָם הַזֶּה, כַּמּוּבָא בְּהַתּוֹרָה 'לְכוּ חֲזוּ' בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן ל"ט, אֲבָל כְּפִי הַתַּכְלִית הָאַחֲרוֹן שֶׁיִּזְכֶּה כָּל אֶחָד, בְּוַדַּאי טוֹב יוֹתֵר מַה שֶּׁנִּבְרָא וכו', כִּי גַּם כָּל הָעֳנָשִׁים מָרִים וּמְרוֹרִים שֶׁלּוֹ שֶׁיִּצְטָרֵךְ לִסְבֹּל עַד אֲשֶׁר יִזְדַּכֵּךְ וכו', כְּאַיִן יִהְיוּ נֶחְשָׁבִים נֶגֶד הָעֹנֶג אֲשֶׁר יִזְכֶּה גַּם הוּא וכו'.

נו, מיר האבן געלערנט די תורה... א 'תורה'... - אבער רבי נתן, אז ער האט געהערט פונעם רבי'ן די תורה, איז ער ארויס פון די כלים!

ער האט אזוי געפיהלט אין 'די' תורה אזא מין סארט התפעלות, אז ער האט זיך אנגערופן: "**אפשר מיינט דאס די גמרא, 'אין משיח בן דוד בא אלא בהיסח הדעת', ער וועט זיין, און מען וועט נישט וויסן צי ער איז דא?!**"[ג] - אזוי איז רבי נתן ארויס פון די תורה מיט א התפעלות!

האט זיך אנגערופן דער רבי: "**רבי נחמן האט דאס שוין לאנג געזאגט, אי מן חיי, אנא הוא!**"

אז מיר לערנען די תורה, האבן מיר גאר קיין געפיל נישט אין די תורה... און רבי נתן איז ארויס פון די כלים!

❖

## וועמען זענט 'איר' מקנא?...

ווייטער איז אויך דא א תורה - תורה רע"ח, אין ערשטן חלק צום סוף: "**דע שעל חליף טוב יכולין לראות כל הכלים של הבית המקדש**, (וכו') **שא נא 'כליך', מרמז על כלים של בית המקדש**" (עיי"ש).

שטייט דארט ווייטער (בסיום התורה הנ"ל): "**בקנאו את קנאתי, בחי' הצדיק שאינו מקנא שום צדיק, לא בעוה"ז ולא בעוה"ב, רק אותו יתברך לבד**".

וואס האט דאס א שייכות מיטן פריעדיגן שמועס? (המאמר 'בקנאו את קנאתי' למאמר הקודם).

נאר ווען רבי נתן האט געהערט פונעם רבי'ן 'די' זאך (התורה 'דע שעל חליף טוב' וכו', נתפעל כל כך), האט ער זיך אנגערופן צום רבי'ן: "**רבי, וועמען זענט 'איר' מקנא?**" - אזוי פיל?! (השגות גבוהות כאלו) – "**וועמען זענט 'איר' מקנא?**"[ד]

---

[ג] עיין כוכבי אור - חכמה ובינה, בהקדמה.

[ד] ובמקו"א אמר בזה"ל "רבי, וועמען קענט איר מקנא זיין"?! רצ"ל שכנראה שאין לכם למי לקנא לשום צדיק! (עי' גנזי אבא ח"ב, פ"ו, וקי"ב).

(ענה לו רבינו ז"ל): **"בקנאו את קנאתי - נאר השי"ת לבד!"** (והעתיקם מוהרנ"ת ז"ל כהמשך וסיום מהתורה הנ"ל).

**איך מיין צו זאגן, "רבי נתן האט געהאט אזוי א געפיל אין רבי'נס א דיבור, אז ער איז ממש דער 'ער'!!** (כשהוא יודע לגלות כל זאת, הוא אוחז בכל זה).[ה]

❖

מיר לערנען! ברוך השם אז מען לערנט, אסאך ווילן נישט לערנען דעם רבי'נס ספר, ברוך השם מיר לערנען יא דעם רבי'נס ספר! - אבער **"האבן א געפיל! האבן א געפיל אינעם רבי'נס א דיבור!"**

דער רבי זאגט דארטן (תורה כ"ח תניינא), אז אזוי קען מען אים (את האיש הישראלי) גארנישט דערקענען, נאר דערפאר ווייל ס'איז דא אין אים 'תורה שבעל פה', נאר ווייל ס'איז דא אין אים די תורה, קען איך וויסן!

ער האט דאך א חלק אין תורה שבעל פה! אין תורה שבעל פה האבן זיי (אומות העולם) נישט קיין חלק!

דער עיקר יתרון פון א 'איד' ביז די אומות איז נאר אין 'תורה שבעל פה' - וואס דאס איז 'לא ניתן לכתוב', ווארום אין יעדן איינעם מישראל איז דא א חלק פון תורה שבעל פה, און דער וואס ער קען דאס דערקענען, אז ער זעהט איינעם, אויב ס'איז דא אין אים א חלק אין 'תורה שבעל פה', ווייסט ער אז ער איז א 'איד'! און אויב ס'איז נישטא אין אים קיין חלק (תושבע"פ, סימן הוא שאינו יהודי), - קען ער דאך דערקענען א 'ישראל' בין האומות, ווייל דאס איז דער עיקר הבדל!

און ווען רבי נתן האט דאס דערהערט פונעם רבי'ן, איז ער אזוי פיל ארוים פון די כלים, אז ער האט זיך אנגערופן: "אפשר מיינט דאס די גמרא 'היסח הדעת', ער וועט זיין, און מען וועט נישט וויסן אז ער איז דא?!"

דער רבי זאגט דאך אין תורה ל"ו, "אז מען קען נישט האבן קיין תפיסה (בדיבורו של הצדיק), סיידן "שתיקן תחלה אות ברית קודש כראוי", (כדאיתא בזוה"ק, משפטים ק"י) "סלוקא דיסודא עד אבא ואמא". - **"מיר דאנקען השי"ת דערפאר וואס מיר**

---

[ה] עיין ימי מוהרנ"ת אות ס"ו: "וּמִן הַסְּתָם כְּשֶׁהוּא יָדַע לְסַפֵּר כָּל זאת הָיָה אוֹחֵז בְּכָל זֶה" וכו' עיי"ש.

**זענען נישט קיין מתנגדים, מען עפנט אויף דעם ספר! אבער צו האבן א 'געפיל' אינעם צדיק'ס דיבורים דארף מען זיין אן ערליכער איד!"**

(אחד הנוכחים: דארף מען ווארטן אויפ'ן צווייטן גילגול...): **"ניין, ניין, זייט אייך נישט מייאש! מען קען נאך אין דעם גלגול אויך!"**

❖

## מיר זאגן נישט 'די דיבורים'...

אין אומאן איז געווען איינער חיים פנחס, ער האט געדאווענט אין טאלנער קלויז, ער איז א גרויסער עושר געווען, א מכנים אורח, א בעל צדקה, ער איז א למדן געווען, ער איז געווען פון לובלין, און ער איז געווען א מתנגד, א ברענענדיגער מתנגד...

איז ער געשטארבן דער חיים פנחס - א גרויסער למדן, א גרויסער עושר! - האט ער אנגעזאגט: "מען זאל אים נישט אדורכפירן דורך די ברסלב'ער שול!"

ער האט געזאגט: "דאנקען גאט, אז ער האט אלע יארן געלעבט אין אומאן און ער איז נישט אריינגעגאנגען קיינמאל אין ברסלב'ער שול...!" - איי, א גרויסער למדן, א גרויסער בעל צדקה, און פאר די פטירה האט ער געזאגט די ווערטער...

דער זוהן ווייטער, האט יא געהאלטן, ער איז געווען אונזערס א מענטש, - זיין זוהן איז שוין יא געקומען צו אונז אין שול אריין, האט ער אנגעזאגט די חברה קדישא: **"איר זאלט דעם טאטן אדורכפירן דורך דער ברסלב'ער שול!"**

זאגן זיי: "וואס?" - (אמר להם) **'איך' גיב דאך אייך געלט, ס'איז מיין טאטע!** - די חברה קדישא, אז מען האט זיי געגעבן געלט, האבן זיי געפאלגט.

האבן זיי געשריגן דארטן די חסידים (האחרים): **"חיים פנחס'ן אדורכפירן דורך די ברסלב'ער שול?!"** -

זאגט דער זוהן: **"וואס איז דאס אייער עסק? 'איך' הייס, דאס איז מיין טאטע! דער טאטע האט שוין אויך איצטער חרטה! ער האט שוין חרטה דארט פארוואס ער האט נישט געוואלט!!"**

א איד א למדן, א בעל צדקה - איך האב אים גוט געקענט - ער איז געווען א 'מענטש', א למדן, א געשטעל, און אן עושר א גרויסער אויכעט, און זאגן אזעלכע ווערטער פאר די פטירה? "ער דאנקט דעם אויבערשטן, אז ער האט אויסגעלעבט די יארן, און ער איז קיינמאל נישט אריין אין א ברסלב'ער שול...?!" איך מיין דאך אזוי, ס'קען זיין אזוי נעלם דער צדיק!!

(אחד הנוכחים הזקנים: אז ער האט זיך באנארישט, דארפן מיר איבער'חזר'ן דאס?)

ניין, ניין! מיר רעדן דערפון דא, ווייל דער רבי זאגט דא "**וכולנו אין פנינו יפות כלל, אנו צריכין שירחם עלינו השם יתברך, ליתן לנו מנהיג רועה נאמן שיוכל להאיר בנו ידיעה הנ"ל, כדי שנוכל לעבדו יתברך כראוי ולבוא אל התכלית**", - זאל מען זיך מחיה זיין דערמיט, אז ברוך השם, מיר זאגן נישט די דיבורים! מיר זאגן נישט די דיבורים, און מיר לערנען יא דעם רבי'נס ספר! מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן!!

❖ ❖ ❖

## פון 'וועמען' רעדן מיר?

בשעת ס'איז געווען די גרויסע התנגדות דארטן (בתקופת מוהרנ"ת ז"ל) - שמחת תורה איז געווען געוואלדיג, האט מען גערעדט פונעם רבי'ן ביי רבי נתן'ען (בביתו), מען האט גערעדט, און אינדרויסן האט געברענט א 'פייער'... (של התנגדות ומחלוקת).

ווען רבי נתן איז ארוים פון שטוב, האט מען געהערט א געשריי פון גרויסן בית מדרש (של העיר): 'אתה הראת לדעת'! - מיט א קול, האט זיך רבי נתן אנגערופן: "**פון 'וועמען' רעדן מיר?! פון אידן וואס שרייען 'אתה הראת לדעת'!!! - נאר 'פארן' אתה הראת... און 'נאכן' אתה הראת... ווייסט גאט וואס מיט זיי טוט זיך!**"[1]

---

[1] כוונת מוהרנ"ת היתה שמחוייבים אנו להביט רק על החלק הטוב הנמצא בהם וללמד עליהם בזה אך ורק לימוד זכות וטוב, ועל אף שחולקים ומייסרים אותנו, כי הנה הולכים אף הם בדרך התורה, ואמרים 'אתה הראת' לקראת השמחה הגדולה עם התורה הקדושה, (שיש"ק).

'פאר' און 'נאך' אתה הראת, וואס מיט זיי טוט זיך - ווייסט מען אויבן...! נאר דערווייל האט ער אפגעשטעלט זיך: "פון 'וועמען' רעדן מיר? אידן וואס שרייען 'אתה הראת'!"

(מתאר את הסיפור) רבי נתן'ס קלויז; דעם רבי'נס בית המדרש איז געוועזן אביסעלע ווייטער, האט מען גערעקנט העכער פונעם רבי'נס בית המדרש - ברסלב איז דאך א קליין שטעטל, זיי האבן געדאווענט אין רבי'נס בית מדרש - דעם רבי'נס בית מדרש איז נאכדעם געווארן א מתנגד'ישער בית מדרש, 'רבי אהרן דער רב' האט דארט געדאווענט, 'רבי הירש לייב דער רב' אויכעט, און ווען זיי זענען נפטר געווארן איז עס געווארן א מתנגד'ישער בית מדרש...

אונזערע לייט האבן געדאווענט ביי רבי נתן'ען אין קלויז, און ווען ער איז ארויסגעגאנגען (מביתו לקלויז) האט ער געהערט א געשריי פון 'אתה הוראת לדעת'.

(וחוזר ברגש על דיבור הנ"ל): "פון 'וועמען' רעדט מען?!"

❖ ❖ ❖

# חלק מפרשת חקת, שנת תשל"ד

(טייפ מס' 42#)

## 'ותקננו בעצה טובה מלפניך'

(חסרה ההתחלה, וכפי הנראה מהמשך השיחה הוא מדבר עם אחד מהנוכחים שבא להתייעץ עמו בענין התקרבות לרבינו שהיו לו מניעות גדולות לכך מצד המשפחה. רלוי"צ מזכיר בתוך דבריו את העובדא מר' ברוך חתן מוהרנ"ת, שבשנה הראשונה לנשואיו לא בא לאומאן על ראש השנה, כי עדיין היה קצת חלש בענין רביז"ל, וכמה מאנ"ש רצו לדבר עמו בזה אך מוהרנ"ת לא הניח להם באומרו: "איך האב אים גענומען פאר א איידעם, נישט פאר א חסיד"!),[ז] ער איז נישט געוועזן ראש השנה אין אומאן, אבער דעם אנדערן ראש השנה איז ער שוין יא געוועזן!

[ז] הושלם עפ"י ספר שיח שרפי קודש.

זעהען מיר אז ר' נתן האט געזעהן, מיט זיין גרויסע חכמה, מיט זיין קדושה, אז מען דארף זיך נישט שטעלן שטארק דעם ערשטן ראש השנה, און דעם אנדערן ראש השנה איז ער שוין געווען א 'חסיד'!

קענן וואס זאג איך דיר די מעשה? ס'איז פארהאנען אמאל אן ענין, וואס מען דארף זיך אביסל מצמצם זיין, נישט גיין שטארק אנטקעגן, דאס קען מאכן א געוואלדיגער פייער אויף שפעטער!

דאס דארפסטו אליין זעהן אין זיך - צו קענסטו אדורכפירן דער זאך, אז ס'זאל זיין נאכדעם עפעס א שטיקל מידה, אדער ס'זאל אינגאנצן ארויס פון די מידה, נישט קענען אויסהאלטן אינגאנצן! איך וויים נישט - מען דארף האבן (סייעתא דשמיא)!

בעט דעם אויבערשטן אלע טאג! האב אלע טאג התבודדות! די זאך אויסרעדן פאר השי"ת, און דער אויבערשטער איז מסבב סיבות, דער אויבערשטער וועט אזוי צופירן אז דו וועסט וויסן וואס צו טוהן! דו וועסט וויסן וואס צו טוהן, דו וועסט קענען אדורכפירן![ח]

מען דארף וויסן - מען האט [ביי אונז] יענעם נישט געזאגט קיין עצות! א זאך וואס ס'איז געווען אביסעלע מסירות נפש האט שוין דער רבי נישט געהייסן זאגן! נאר וואס דען? מען האט געוואוסט אז מען דארף נישט פרעגן דעם רבי'ן! מען דארף דעם רבי'ן נישט פרעגן! ווייל דער רבי האט געענטפערט 'כמעט' אז מען זאל נישט טוהן!

צדיקים - אז מען האט געפרעגט א זאך וואס (ס'איז אן ענין פון) מסירות נפש, האבן זיי נישט געהייסן טוהן![ט]

---

[ח] עי' שיחות הר"ן אות רל"ח בענין התפלה "ותקננו בעצה טובה מלפניך". ועי' ליקוטי הלכות הל' שחיטה ה' אות ג': וְלִזְכּוֹת בְּעֵצוֹת שְׁלֵמוֹת לְהַצְלִיחַ עַל יָדָם בְּאַחֲרִיתוֹ לָנֶצַח, צְרִיכִין יְשׁוּעוֹת רַבּוֹת מְאֹד, וּצְרִיכִין לְבַקֵּשׁ לַה' יִתְבָּרַךְ עַל זֶה מְאֹד מְאֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁין בְּכָל פַּעַם "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ וְהוֹשִׁיעֵנוּ מְהֵרָה לְמַעַן שְׁמֶךָ". וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אדומו"ר זַ"ל, שֶׁבַּקָּשַׁת וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה וְכוּ', צְרִיכִין לְבַקְּשָׁהּ וּלְהַפְצִיר ה' יִתְבָּרַךְ הַרְבֵּה מְאֹד עַל זֶה. כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹתָיו הַנַּ"ל...

[ט] עי' שיחות הר"ן אות רי"ד: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר: כְּשֶׁאָדָם שׁוֹאֵל לְהַצַּדִּיק אִם לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מְסִירַת נֶפֶשׁ בִּשְׁבִיל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא רָאוּי לוֹ לְהָשִׁיב וּלְצַוּוֹת עָלָיו שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת, וְאַף עַל פִּי כֵן הַשּׁוֹאֵל אֵין צָרִיךְ לְקַיֵּם דְּבָרָיו.

['דאס' איז ממש א מסירות נפש ביי דיר, און דער ענין, איך ווייס וואס דער טאטע קען דיר דארטן טוהן? דער טאטע האט גערעדט, עטליכע ווערטער, ער איז געוואלדיג אויפגערעגט דער טאטע! דער שווער איז שטילער אביסל, דער טאטע איז פייער, פייער! (אחד הנוכחים: עשיר יענה עזות...).

ער האט ארויסגעשיקט אזוי פיל (דיבורים חריפים), איך האב אים נישט געוואלט זאגן אנטקעגן דיר, איך האב געוואלט צוהאלטן זיך, פייער פייער!

ווייס איך נישט וואספארא אטאם באמבע ער וועט אויסשיסן קעגן דיר, איך ווייס? איך ווייס אליין נישט...]

❖

(ר' נחמן בורשטיין שואל על כוונת השיחה בחיי מוהר"ן סי' שע"א: מה שאמר לר' נתן, כבר טוב לו כל כך שרשאי להיות במרה שחורה רח"ל), **"ס'איז דיר שוין אזוי גוט, אז דו מעגסט שוין זיין מרה שחורה'דיג אויך?!"** (השואל: מיט א לשון 'בתמיה' האט ער עס געזאגט?) **יא יא, אוודאי, בלשון בתמיה!**

(שם בחיי מוהר"ן: שמעתי מר' יצחק לייב ז"ל מטעפליק ששמע מפיו הק' שאם היה מספר עמו החצי שיחות ממה שסיפר עם ר' נתן ורבי נפתלי, לא היה לך קיום כלל, וגם כל העולם כולו לא היה לו קיום), אזוי האב איך געהערט: **'ער וואלט זיך פארברענט - און ער וואלט די וועלט פארברענט'!**

[(חוזר לאותו הנ"ל מענין המניעות שלו) א גוט שבת, גוט שבת! נו, וואס דו וועסט טוהן זאל דער אויבערשטער דיר פירן ס'זאל זיין צו גוטן!

דער עיקר איז, דו זאלסט זעהן זאלסט האבן אלע טאג התבודדות, דו זאלסט רעדן אלע טאג צום אויבערשטן, דאס זאל זיין ביי דיר דער עיקר, האף איך אז דאס וועט דיך ראטעווען!]

❖

(שואל: איך שלאף איין אינמיטן התבודדות), גוט! האסטו א 'שינה דקדושה', א הייליגער שלאף! רעדסטו נאכאמאל, מען כאפט זיך אויף - רעדט מען נאכאמאל!

ביסט נישט איינער (לבד), אסאך דרימלען אינמיטן התבודדות, דו ביסט נישט איינער! דו מיינסט דו ביסט איינער? אסאך (מענטשן וואס) אינמיטן התבודדות שלאפט ער איין, כאפט ער זיך אויף האט ער ווייטער! - נישט אזוי! דו זאג אזוי: "אינמיטן שלאף האסטו אויך התבודדות"!...

❖ ❖ ❖

# 'וממשיך השגחה מקץ האחרון'

(לומד בליקוטי מוהר"ן תו' ר"נ): **מאי 'גוהא'? בשעה שהקדוש ברוך הוא זוכר את בניו שהם שרוין בין העכו"ם, דער אויבערשטער איז מוריד שני דמעות לים הגדול, וקולו נשמע מסוף העולם עד סופו**, דאס איז 'גוהא'! (עי' ברכות דף נ"ט).

היינו, **כשהקדוש ברוך הוא זוכר שהן שרוין בצער**, פארוואס? **'בין העכו"ם'!** בין העכו"ם דייקא, **כי זה עיקר הצער, מה שהן שרוין בין העכו"ם ולמדו מהם, ונפלו מהדעת, ותולין בהמזל וטבע**, דערפאר פילן זיי דאך דעם צער! ווען מען זאל וויסן אז ס'איז השגחה, וואלט מען גארנישט געפילט קיין צער! (עי' ליקו"מ שם ריש תו' ר"נ).

**וזה עיקר הצער שלהם כנ"ל**, וואס מען איז 'בין העכו"ם', פאלן זיי אריין אין טבע, זענען זיי ווייט פון השגחה, פילן זיי דעם צער!

האט דער רבי אויבן געזאגט: "**קץ בא הקץ**", דער אויבערשטער איז ממשיך די השגחה מסוף העולם, "ומוריד דמעות", וואס הייסט דמעות? **היינו שממשיך עליהם 'השגחה'! כי דמעות הם בחינת השגחה, כמה שאמרו רבותינו ז"ל על פסוק "ושבו העבים אחרי הגשם - זה הראות שהולך אחר הבכי"**, אז מען וויינט - גייט אוועק די ראיה, קומט אויס אז אין די טרערן ליגט דארטן די ראיה! **נמצא שהדמעות הם לוקחים חלק הראות, והראות נמשך לתוכם, נמצא שהדמעות הם חלקי ההשגחה והראות, כי הדמעות לוקחים הראות כנ"ל.**

דער אויבערשטער איז מוריד 'דמעות', מיינט מען די טרערן פון די 'השגחה', און דורך די השגחה ווערן זיי ניצול פונעם צער!

**די גאנצע זאך** (הרגשת הצער) **איז נאר ווייל זיי הענגען אן אין טבע, דער אויבערשטער איז מוריד 'דמעות' - הייסט די 'השגחה', און אז ער איז ממשיך די השגחה, ווייסן זיי "שהכל בהשגחה" ממילא ווערן זיי ניצול פונעם צער!**

❖

(השואל: טרערן שאדט?) **אוודאי, טרערן שאדט צו די אויגן![י] 'אביסעלע' מילא, אבער 'אסאך' אה אה! ר' אברהם ר' נחמן'ס האט נישט געקענט קוקן ממש קיין ספר פון די טרערן! אין זיינע יונגע יארן האט ער אזוי פיל געוויינט, טרערן!**

(אחד הנוכחים: אבער מיר ווייסן ביים רבי'ן, דער רבי האט זיך געגאסן ביי אים) **יא יא.**[יא]

❖

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן:) **וזה, "ומוריד שני דמעות" - היינו שממשיך חלקי ההשגחה, "לים הגדול" - היינו בחינות העכו"ם המושלין על ישראל, בחינת "והרשעים כים נגרש", זיי שטורעמען ווי דער ים, ואזי נעשה בחינות 'גדול', בחינות 'השגחה', בחינות 'תפלה' שהיא בחינת 'גדול' כנ"ל. וזהו, "וקולו נשמע מסוף העולם ועד סופו", היינו שממשיך השגחה "מסוף העולם" - מקץ האחרון, "עד סופו" - לעשות סוף וקץ מהעכו"ם המושלים בישראל, בחינת "קץ בא הקץ" כנ"ל.**

ווייזט פון די תורה אויס, אז דער עיקר המתקה איז נאר אז מען ווערט ניצול פון טבע! און מען ווייסט אז ס'איז הכל בהשגחה, דעמאלטס ווערט מען ניצול פון די צרה, מען פילט נישט קיין צרות! וואס דער מענטש איז מער ממשיך אויף זיך השגחה - פילט ער ווינציגער די צרות! **וזה בחינת דמעות שבוכין בעת הצער וכו',** (מסיים לימוד תו' ר"נ, עיי"ש).

❖

---

[י] עי' שבת דף קנ"א ע"ב, "ושבו העבים אחר הגשם - זו מאור עיניו של אדם שהולך אחר הבכי".

[יא] עי' הקדמת ספר השתפכות הנפש בהנהגות אדומו"ר ז"ל.

# 'היתה לי דמעתי לחם'

(אחד הנוכחים: קומט אויס אז בגשמיות מאכן די טרערן קאליע די אויגן, אבער דורכדעם ווערט נמשך השגחה אויף אים, ער ווערט ניצול פון די גוים) **יא יא! ס'איז א גמרא דא,[יב] בשעת דארטן, ר' חנינא איז אים געשטארבן א קינד, האט זי געזאגט: דו לאזט גארנישט קיין טרער? האט ער געזאגט אי 'שיכול בנים', נאך ווערן 'בלינד' אויך?! "תרתי, תיכלא ועיורא", 'תיכלא' הייסט 'שיכול בנים', 'ועיורא' - און ווערן בלינד אויך? וואס וועל איך האבן בעסער?!**

**די בכיה איז נישט קיין שלעכטע זאך, די בכיה איז א גוטע זאך, דורך די בכיה איז מען זוכה צו המתקת הדינים,[יג] אלעס!**

**די ראיה ווערט קאליע, אבער צדיקים קוקן נישט דערויף, זיי דארפן האבן בכיה, לאזן זיי טרערן, איי ס'וועט קאליע ווערן? קוקן זיי נישט דערויף!**

(השואלים האם טוב לבכות אע"פ שמקלקל הראות?) **'אביסל' וויינען איז גוט, 'אסאך' וויינען מאכט קאליע!**

**דער וואס ס'וויינט נישט ימים נוראים, זאגט דער אר"י הקדוש עפעס א לשון דארטן, א געוואלדיגער לשון.[יד]**

**א איד דארף וויינען פאר'ן אויבערשטן! נאר 'רבוי דמעות' מאכט קאליע די ראיה!**

(השואל: און אלע טאג וויינען פאר'ן אויבערשטן? אלע טאג, מען שטייט אויף חצות און מען וויינט?)
**יא יא דאס איז זייער גוט, דאס איז זייער גוט! פון דעם ווערט מען נישט בלינד!...**

---

[יב] עי' שבת דף קנ"א ע"ב.

[יג] עי' ספר המדות - ערך המתקת דין אות ל"ג: כְּשֶׁדִּינִים שׁוֹרִין, וְהַחֶסֶד יָקָר וְאֵינוֹ בַּנִּמְצָא, תֵּדַע שֶׁבְּכִיָּה מוֹעִיל לָזֶה. (שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בִּשְׁעַת כְּתִיבָתִי זֹאת לְפָנָיו, שֶׁרֶמֶז דָּבָר זֶה הוּא בַּפָּסוּק "מַה יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹקִים", פֵּרוּשׁ - מַה יָּקָר חַסְדְּךָ - הַיְנוּ כְּשֶׁהַחֶסֶד יָקָר וְאֵינוֹ בַּנִּמְצָא, דְּהַיְנוּ שֶׁדִּינִין שׁוֹרִין ח"ו, אֲזַי הַפְּעֻלָּה לָזֶה - וּבְנֵי אָדָם בְּ'צֵל כְּ'נָפֶיךָ יֶ'חֱסָיוּן - רָאשֵׁי-תֵבוֹת בֶּכִי, כִּי בְּכִיָּה מוֹעִיל לָזֶה כַּנַּ"ל). ועי' בשיחות שבסו"ס ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' צ"ה: לְעִנְיַן הִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ וַאֲמִירַת תְּהִלִּים וּתְחִינוֹת וּבַקָּשׁוֹת, טוֹב מְאֹד כְּשֶׁזּוֹכִין לְאָמְרָם בְּלֵב שָׁלֵם בֶּאֱמֶת, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִבְכּוֹת לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כְּבֵן הַבּוֹכֶה לִפְנֵי אָבִיו...

[יד] עי' מטה אפרים סי' תקפ"ב ס"ק כ"ח, והוא בשער הכוונות דרושי ראש השנה בהקדמה.

ס'איז פארהאנען אמאל איינער גיסט טרערן, די עובדים, ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געהאלטן אין איין 'גיסן טרערן', דאס איז א אנדערע זאך, אסאך וויינען מאכט קאליע די אויגן!

❖

איך האב געהערט אז ר' נחמן טולטשינער האט געדאווענט מוסף איין טאג (בימי ראש השנה), און ר' לייבעלע קאנסטאנטינער האט געדאווענט מוסף דעם אנדערן טאג, ר' נחמן האט געדאווענט מיט אזא מין התעוררות אז ס'איז א געוואלד געווען, ר' לייבעלע האט געדאווענט איז געווען פול מיט טרערן, ר' נחמן איז נישט געווען קיין בעל בכיה, און זיין התעוררות איז געווען געוואלדיג גרויס, און ר' לייבל האט פארגאסן דעם עמוד מיט טרערן!

דאס איז אזא מין סארט דאווענען - אז ס'גייט מיט בכיות מיט טרערן, און א אנדער סארט דאווענען - וואס גייט א התעוררות, א געוואלדיגע התעוררות, און ער איז מעורר דעם עולם נאך מערער, און ס'איז אָן בכיות!

❖

ס'שטייט,[טו] דוד המלך אז ער האט תשובה געטוהן, האט ער זעקס חדשים צייט איינגעטונקען די ברויט אין טרערן און ער האט געגעסן!

און דער נודע ביהודא ברענגט, אז ער האט איינמאל געטוהן אזוי, געגעסן ברויט איינגעטונקען מיט טרערן, פאר תשובה!

ער איז געווען א געוואלדיגער גיבור - דער נודע ביהודא, האט ער געזאגט אויף זיך, אז ווען נישט ער איז א גיבור וואלט ער בלינד געווארן! ווען די טרערן וואלטן ווען אים אריין אין קערפער וואלט ער ווען בלינד געווארן!

און דוד המלך האט זעקס חדשים צייט, האט ער געגעסן ברויט מיט טרערן! דוד המלך איז א געוואלדיגער גיבור געווען, ער איז געווען פון די גרויסע גיבורים, האט ער דאס אויסגעהאלטן, ער איז נישט געווארן בלינד!

---

[טו] עי' תנא דבי אליהו פרק ב', ועי' ראשית חכמה - שער התשובה, פרק שלישי.

'אונז' הייסט מען נישט עסן קיין ברויט מיט קיין טרערן, מיר האבן כוחות דערצו?! איינמאל איינטונקען ברויט אין טרערן וועט מען שוין נישט קענען אויסהאלטן... איר ווייסט וואס הייסט ברויט מיט טרערן?!

❖ ❖ ❖

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן שם תו' רנ"א:) **דע, שעל ידי מלחמות - היינו מחלוקת - על ידי זה נופלים מחשבות של רשעים על אנשים כשרים, היינו מחשבות של כפירות שנופלים עליהם על ידי זה, והתיקון לזה למסור המלחמה על ה', שה' ילחם המלחמה!**

דער רבי זאגט דאך למסור המלחמה על ה', איז פשט - אז מען קריגט אויף 'אים', אז מען קריגט אויף אים - כאטש ער וויל נישט קיין מלחמות - פאלט מחשבות פון כפירות אויף אנשים כשרים.

דער תיקון איז, ער זאל איבערגעבן דער מלחמה לה', **שהשם ילחם המלחמה, על ידי זה מבטל מחשבות רשעים הנ"ל.** (עיי"ש ההמשך)

❖ ❖ ❖

## חלק משיחה שנאמרה בפרשת שופטים, שנת תשל"ד

# 'לרגעים תבחננו'

(מדבר מענין התבודדות, שצריך ליישב את דעתו ולשפוט עצמו על כל מעשיו), מען דארף רעדן צום אויבערשטן, זיך משפט'ן אליין.[טז]

אז דער מענטש טוט כסדר, העלפט מען אים מן השמים אז ס'קומט אריין א ברכה! **"ואכלתם לחמכם לשובע"** זאגט רש"י: **"אוכל קמעא והוא מתברך במעיו"!**[יז]

[טז] עפ"י ליקוטי מוהר"ן ריש תו' ט"ו.

[יז] ויקרא כ"ו ה'.

א מענטש, אז ער טוט 'מה שמוטל עליו', העלפט מען אים מן השמים אז ס'גייט אריין א ברכה, מען שענקט אים פון הימל!

(השואל: ער גערענקט דאך נישט אלעם ביי התבודדות? ער האט דאך לשון הרע'ס מיט ביטול תורה'ס וכו'?) אז מען איז אן עקשן אין א זאך, העלפט דער אויבערשטער אז ער באקומט א זכרון, ער דערמאנט זיך!

מען דארף טאקע האבן א קביעות, מען דארף טאקע אלע טאג רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אלע טאג! 'דבר יום ביומו'!

❖

ער האט דערציילט - ר' אלחנן ספעקטור, ער האט געקענט איינעם - ער איז געוועזן א תלמיד ביים חפץ חיים, האט אים יענער דערציילט, ער האט געלערנט ביים חפץ חיים, האט ער געזעהן ס'קומט עפעס (איזה זמן) אלע טאג, דער חפץ חיים גייט אוועק פון די ישיבה א צייט, און נאכדעם קומט ער אריין קריק, האט יענער פאר'גנב'ט זיך, ער האט געוואלט זעהן וואו גייט ער, וואו גייט ער אוועק? אינמיטן די ישיבה גייט ער אוועק?!

האט ער געזעהן ווי ער האט זיך אוועקגעזעצט, "ישראל מאיר" - **גיב אפ חשבון פונעם גאנצן טאג! ווי אזוי איז א אוועקגעגאנגען דער טאג?!** האט געפעלט פינעף מינוט, האט ער געקלאפט אין טיש, "ישראל מאיר, **דו זאלסט אפגעבן חשבון אויף די פינעף מינוט**"! ער האט אנגעהויבן קלאפן אין טיש, "**וואו איז אוועקגעגאנגען די פינעף מינוט**"?! ביז ער האט זיך דערמאנט פון די פינעף מינוט אויך! דאס האט ר' אלחנן מיר דערציילט! "התבודדות"!

אזא צדיק, אזא קדוש, אזא למדן, א גאון, מחיה געווען די וועלט מיט די ספרים, האט ער געהאט התבודדות, געמאכט א חשבון פונעם טאג, געקלאפט אין טיש, "זאג, וואו איז די פינעף מינוט? וואו איז די פינעף מינוט"?! ביז ער האט זיך דערמאנט טאקע...

ר' אלחנן האט געקענט קענען דעם חפץ חיים אויך, איך האב אים אויך געקענט קענען, איך האב אים נישט געקענט, ער איז נפטר געווארן, תרצ"ב, (כ"ז אלול).

❖

מתתי' (ברזסקי ז"ל הי"ד) האט געלערנט ביי אים אין ישיבה, ביים חפץ חיים, און ער איז געווען אזא מין מתמיד, ער האט געלערנט אכצן שעה אין טאג - מתתי', דער חפץ חיים האט אים געזאגט: "מתתי' - דו וועסט עס נישט אויספירן", "וועסט עס נישט אויספירן"!

דער חפץ חיים האט געהאט פאר אים געוואלדיג דרך ארץ, ער איז דאך אויך געווען א כהן, און ער איז געווען א געוואלדיגער הייליגער מענטש - מתתי', דער חפץ חיים האט שוין געזעהן ווער ער איז! נישט נאר בלויז 'לערנען', ער איז א 'הייליגער מענטש' געווען, נאך אלס בחור איז ער געווען א הייליגער בחור! האט ער (- החפץ חיים) שוין געזעהן ווער ער איז.

האט ער געזאגט (- מתתי'), "ער האט מיר אפגעגעבן אזא מין כבוד" - דער חפץ חיים, ער האט נישט געקענט סובל זיין דעם כבוד, איז ער אוועק (מישיבתו של הח"ח)!

ער האט אים געטראגן דאס פעקל (- הח"ח למתתי')! דער חפץ חיים איז געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע!

❖

# "אן אלטער טראק"...

די אלע גדולים, די אמת'ע מענטשן, האבן אלע געהאט התבודדות![יח] די תלמידים פונעם חתם סופר אויך אזוי, די אלע גדולים, האבן אלע טאג געהאט א ישוב הדעת פאר'ן אויבערשטן!

מען האט אמאל געהערט שוין, מען האט שוין כמה מאל דערציילט, אלול מעג מען נאכאמאל איבער'חזר'ן דעם דיבור: דער רבי איז אמאל געפארן חתונה מאכן א קינד, עס איז געפארן דארט "פיר'לעך פיר'לעך" מיט'ן רבי'ן, און די חתונה איז געווען דארטן אזוי חשון.

---

[יח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ה תניינא: וְדַע, שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים מְפֻרְסָמִים סִפְּרוּ, שֶׁלֹּא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם, רַק עַל־יְדֵי הַנְהָגָה זוֹ (- התבודדות).

דעמאלטס איז דער זמן ס'גייט אין אוקריינע רעגענס, ס'גיסט רעגענס, בלאטעס, האט דער בעל עגלה געזאגט צום רבי'ן: "זעהסט'זשע רבי, מיר האבן געדארפט פארן דורך די בלאטעס, בין איך געפארן ארום און ארום, און אויסגעמיטן די בלאטע, און ארויף אויפ'ן גלייכן וועג"!

האט זיך אנגערופן דער רבי: **"תעניתים וסיגופים איז א אלטער טראַק צום אויבערשטן** - 'טראק' איז א אלטער וועג - **התבודדות און תפילות איז א נייער וועג, און מען קומט ארויף אויפ'ן אלטן וועג"!**[יט]

אזוי ווי ער האט זיך בארימט אז ער האט אויסגעמיטן די בלאטעס, און ער איז ארויפגעקומען אויפ'ן גלייכן וועג, האט זיך אנגערופן דער רבי דאס דאזיגע, "תעניתים וסיגופים איז א אלטער טראק צום אויבערשטן, און התבודדות און תפילות - דער רבי האט דאך נישט געהאלטן פון 'תעניתים וסיגופים' נאר 'התבודדות ותפילות' - קומט מען ארויף אויפ'ן גלייכן וועג, אויפ'ן אלטן וועג"!

דאס וואס מען האט אמאל געקענט פועל'ן מיט תעניתים וסיגופים, קען מען היינט פועל'ן מיט התבודדות ותפילות! מען קומט ארויף אויפ'ן גלייכן וועג!

❖

# 'ואי אתה בן חורין ליבטל ממנה'

נו דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, היינט איז דער הייליגער חודש אלול, אה, האלטן דעם חודש 'חשוב', על כל פנים כאטש נישט זיצן ליידיג, נאר אפהיטן די צייט!

א חודש פון ימי רצון, ימי רצון! תורה ותפילה, מצוות ומעשים טובים, מען קען כאפן, כאפן!

---

[יט] עי' הקדמת השתפכות הנפש: וְאָמַר פַּעַם אַחַת לַאֲנָשָׁיו: תְּנוּ לְבַבְכֶם לִי וְאוֹלִיךְ אֶתְכֶם עַל דֶּרֶךְ חָדָשׁ שֶׁהוּא הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁן שֶׁדָּרְכוּ בּוֹ אֲבוֹתֵינוּ מֵעוֹלָם, וְגִלָּה לָנוּ אֲשֶׁר אֵין שׁוּם עֵצָה לְהִנָּצֵל מִגֹּדֶל הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר שֶׁתָּמִיד הוּא שׁוֹקֵק וּמִתְאַוֶּה לְהַכְשִׁיל אֶת הָאָדָם, רַק עַל-יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת... ועי' גם בשיחות שבסו"ס ליקוטי מוהר"ן סי' צ"ז.

(השואל: מען זאל מער גיכער זאגן תנ"ך מיט תיקונים, אדער דעם רבי'נס ספרים?)[כ] וואס מען זאל טוהן, אבי נישט ליידיג!

אבי נישט ליידיג - איז דא אויף אלעם צייט! א מענטש דאכט זיך אז ער האט נישט די צייט, אז מען זאל היטן די צייט וועט ער זעהן ארויסכאפן צייט!

(ר' נחמן בורשטיין: "מצא אשה מצא טוב" - שטייט אין פסוק, אשה איז דאך 'בתולה' - דער מזל פון חודש אלול, איז דעמאלטס "ויפק רצון מהשם"), נישט נאר אלול, אז מען היט דער צייט איז אויף אלעם דא צייט!

אז מען היט די צייט, און ס'פעלט אים נאך צייט, שענקט מען אים א ברכה מן השמים!

אז דער מענטש היט די צייט, נאר ס'פעלט אים אויס צייט, שענקט מען אים א ברכה מן השמים, האט ער א ברכה אין די צייט!

די חסידים הראשונים האבן געדאווענט, די שמונה עשרה איז געווען ביי זיי 'ניין שעה', די גמרא זאגט אזוי,[כא] א שעה 'פאר' די שמונה עשרה, א שעה די שמונה עשרה, און א שעה דערנאך, די דריי תפילות - 'ניין שעה', פרעגט די גמרא: ווען האבן זיי געלערנט? ווען האבן זיי געטוהן א מלאכה? "מתוך שחסידים היו, תורתן משתמרת ומלאכתן מתברכת"! ס'איז אריין א ברכה אין די מלאכה און א שמירה אין די תורה! דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן.

❖

(השואל: דאס וואס מען פירט זיך צו זאגן, איז פון ט"ו אב, אדער פון אלול?) שוין, הער זיך איין, וואס דו ועסט טוהן וועט זיין גוט, זאג און טוה...

(השואל: איך מיין אבער דער תיקון, ווען דארף מען אנהויבן?) די מצוות ומעשים טובים וואס מען טוט אין דעם חודש איז אויך א געוואלדיגע זאך! מרבה זיין בצדקה, מחיה זיין א אידן מיט צדקה!

---

[כ] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ז (ג).

[כא] ברכות דף ל"ב ע"ב.

(השואל: דער רבי זאגט תנ"ך זאגן ביז הושענא רבה!)[כב] דו וועסט ענדיגן ערב ראש השנה, צו דו וועסט ענדיגן ערב יום כיפור, צו די וועסט ענדיגן הושענא רבה, דער עיקר נאר אבער: אז דו וועסט ענדיגן - נאכדעם ביזסטו שוין ליידיג? ביזסטו שוין ליידיג? האסט שוין געענדיגט?!...

דאס זאגט דאך ר' טרפון:[כג] "ואי אתה בן חורין ליבטל ממנה", ליידיג איז נישטא!

מען דארף טוהן וואס מען דארף, ענדיגן, אבער נאכדעם איז מען ווייטער נישט ליידיג, קיין ליידיג איז נישטא, ליידיג אליין איז א פגם! דו ביסט נישט קיין חיוב צו ענדיגן, אבער "ואי אתה בן חורין ליבטל ממנה", דו ביסט נישט קיין בן חורין ליבטל!

אז איינער לערנט צוואנציג שעה, און נאכדעם וועט ער בטלן'ען, - איך הייס אים נישט לערנען צוואנציג שעה, דו זאלסט אבער נישט זיצן ליידיג! זיין נישט ליידיג! וואס טוהן? ס'איז דיר שווער לערנען עמקות, לערן אזוי (בפשיטות), ליידיג נישט! ליידיג נישט! זוך דיר זאכן וואס דו זאלסט זיין פארנומען!

❖

(השואל: דער רבי האט געזאגט מען זאל נישט זינגען א גאנץ יאר די ניגונים פון די ימים נוראים?) ניין, די 'וועלט' זאגט אזוי, אז ס'איז מעורר דינים, די וועלט זאגט אזוי, אז די נוסחאות פון ראש השנה יום כיפור זאל מען נישט חזר'ן אינמיטן יאר וויל ס'איז מעורר דינים, פון ט"ו באב קען מען שוין חזר'ן!

(השואל: חנוכה האב איך געהערט אז יא), 'חנוכה' זאגט דאך דער רבי איז איין זאך מיט 'יום כיפור', זאגט דער רבי אין די תורה "כי מרחמם ינהגם"![כד]

---

[כב] שיחות הר"ן אות רנ"א.

[כג] מסכת אבות פ"ב מ"ז, ועי' שיחות הר"ן סוף אות ע"ו.

[כד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ז' תניינא אות י"א: דַּע, כִּי כָל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁזּוֹכֶה לִפְעֹל בְּבַקָּשָׁתוֹ בְּיוֹם־הַכִּפּוּרִים, דְּהַיְנוּ בְּבַקָּשַׁת סְלַח נָא, כֵּן יֵשׁ לוֹ חֲנֻכָּה ... וְעַל־כֵּן רָמַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ ע"ה צֵרוּף חֲנוּכָּה בְּפָסוּק סְלַח נָא, כִּי סְלַח נָא לַעֲוֹן הָעָם הַזֶּה כְּגֹדֶל חַסְדֶּךָ וְכַאֲשֶׁר נָשָׂאתָה וְכוּ' – הוּא רָאשֵׁי־תֵבוֹת חֲנוּכָּה, כִּי חֲנֻכָּה נַעֲשֶׂה עַל־יְדֵי סְלַח נָא וְכוּ' כַּנַּ"ל.

חנוכה פלעגט מען יא זינגען 'סלח נא' פון יום כיפור.[כה]

❖

**אוי, ס'איז דא וואס צו טוהן! ס'איז דא וואס צו טוהן!**

און אז מען וועט רעדן צום אויבערשטען דיבורים וועט מען זעהן אז מען האט צייט!

❖

(השואל: דער רבי האט געהאט א משמש א 'חסיד'?) **ניין, א משרת, א פראסטער מענטש!**

(השואל: אבער קיינמאל נישט געהאט א ברסלב'ער חסיד?) **ניין, א פראסטער מענטש!**

ביי די צדיקים איז געווען די משרתים זענען געווען פראסטע מענטשן, כמעט אלעמאל, כדי מען זאל נישט וויסן וואס ער איז... (השואל: דאס איז געווען טאקע דער טעם ביים רבי'ן?) **יא יא!**

(השואל: וואס איז געווען ר' שמעון'לע?) **ר' שמעון האט גע'פועל'ט אויף דארטן!** (- בעלמא דאתי), **אז דארטן זאל ער זיין א משמש ביים רבי'ן!**[כו]

דער אויבערשטער זאל אויף אונז רחמנות האבן, מיר זאלן זוכה זיין האבן א גוטן אלול, און א גוטן ראש השנה!

❖

(השואל: ר' נתן האט געהאט א שטיף זוהן?) **צוויי שטיף זיהן איינער האט געהייסן 'יוקל', און איינער האט געהייסן 'שמעלקא'!**[כז]

❖ ❖ ❖

---

[כה] עי' שיש"ק ח"ד אות רנ"ו.

[כו] עי' חיי מוהר"ן אות ק"ו, ואות תקל"ד. ועי' אבני"ה ברזל אות נ"א.

[כז] בן זוגתו השניה של מוהרנ"ת מרת דישל, מוזכר כמה פעמים במכתבי מוהרנ"ת.

# חלק משיחה שנאמרה בפרשת דברים, שנת תשל"ד

## 'מפני שיבה תקום'

- - - אין אומאן (איז געווען איינער א גרויסער מתנגד), ער האט געהייסן 'שניאור דוד', האט ר' נתן געזאגט: 'שניאור דוד' איז אותיות 'ש"ד', כשמו כן הוא![כח]

ער איז געווען א גרויסער למדן, א גרויסער ערליכער איד געווען אין שטאט, נאר א 'מתנגד' א געוואלד א געוואלד, ער האט זיך אוועקגעלייגט ביי די טיר, ביי דעם שוועל, און האט נישט געוואלט אריינלאזן צו אונז קיין מענטש!

ער האט געשריגן: "אידן האט אויף זיך רחמנות, גייט נישט אריין דא"! "גייט נישט אריין דא"! ער האט זיך אוועקגעלייגט אויף דער שוועל.

ר' נחמן (טולטשינער) האט אים אנגענומען און אריינגעשלעפט אין די בלאטע!

'עד היכן' די דאזיגע זאך - ער האט אזוי געטוהן! (להתנגד כל כך לאנ"ש), האט ער אים אנגענומען אין אריינגעשטעלט אין די בלאטע! "דא איז דיין פלאץ, דא שטיי, מער נישט"!

❖

ר' נתן איז געווען אמאל אין מקוה אין אומאן, ר' נחמן טולטשינער איז געווען מיט ר' נתן'ען אין מקוה, ר' נתן איז נישט געגאנגען אליין, ער האט געוואוסט אז ס'איז דא מתנגדים, האט דער שניאור דוד אנגענומען א שעפעלע (דלי קטן) הייסע קאכעדיגע וואסער, און געוואלט אפבריען ר' נתן'ען, אפגיסן!

ר' נחמן טולטשינער האט דאס דערזעהן, האט ער אים אנגענומען ארום, און האט אויסגעגאסן דאס שעפעלע וואסער!

ר' נתן האט זיך אנגעטוהן, האט ר' נתן זיך אנגערופן: "ער וועט שוין האבן **אלטע מוידן** (בנות רווקות זקנות)"!

---

[כח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ב ותו' כ"ח, מענין "תלמיד חכם שאינו כראוי, בחי' שד יהודי".

און מיינע צייטן האט ער געהאט מוידן פון 'זיבן און אכציג יאר', 'אכט און אכציג', זיי האבן קיינמאל נישט חתונה געהאט! מען האט זיי גערופן אין אומאן "די אלטע מוידן"!

ר' נתן האט אים געזאגט די ווערטער, "ער וועט שוין האבן אלטע מוידן", "ער וועט זיינע קינדער נישט חתונה מאכן"!

איך האב נאך פארכאפט זיי, מען האט זיי גערופן "די אלטע מוידן", זיי האבן קיינמאל נישט חתונה געהאט! מען האט געוואוסט אז דאס האט ער געהאט א עונש פון ר' נתן'ען![כט]

❖

אסאך האבן חרטה געהאט אויף די עלטערע יארן, אסאך גרויסע מתנגדים אין אומאן האבן חרטה געהאט (- בזמן רלי"צ)![ל]

זיי האבן געזאגט: "מיר זעהען ארויס אז מיר האבן זיך נישט געדארפט מישן"! מען זעהט דאך אז קיינער איז נישט געבליבן נאר 'אייך', אלעס האט זיך אויסגעלאזט"! אין אומאן, ווער א מקוה? און ווער איז אז מען האט געדארפט האבן אויף פסח מעל? מיר האבן גע'כשר'ט א מיל! מיר האבן געקויפט ווייץ! מען האט האט געדארפט האבן מילך - איז ביי אונז! פלייש! אלעס.

"מיר זעהן ארויס אז מיר האבן זיך נישט באדארפט מישן וועגן אייך! מען זעהט דאך אלעס איז צוגרונד געגאנגען, און ביי אייך איז געבליבן, ביי אייך איז געבליבן"!

זיי האבן מודה געווען! נאר ווען האבן זיי מודה געווען?! אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען איז מודה אין דער יוגנט - איז פיל בעסער ווי מען איז מודה אויף דער עלטער!

---

[כט] עי' איוב י"ח י"ט: "לא נין לו ולא נכד בעמיו" וכו', ועי' מס' חגיגה דף ט"ו ע"ב מה שדרשו על זה, ועי' שבחי הר"ן אות כ"ט.

[ל] עי' עלים לתרופה מכתב קס"ט: וּמִי שֶׁיִּשָּׁאֵר עַל עָמְדוֹ לְהִסְתּוֹפֵף בְּצֵל קְדֻשָּׁתוֹ וְזִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְלַעֲסֹק בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים אַשְׁרֵי לוֹ, וּלְהִפּוּךְ חַס וְשָׁלוֹם בְּוַדַּאי יֵבוֹשׁ בְּעַצְמוֹ וְיִתְחָרֵט מְאֹד בְּעָלְמָא דֵּין וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי.

עס שטייט אין זוהר הקדוש,[לא] "מפני שיבה תקום" - פאר די שיבה זאלסטו טוהן תשובה, איידער דו ווערסט אלט! ווארום די תשובה פון ווען מען איז שוין אלט איז א שוואכע תשובה, נו!

❖

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן גיין און דעם 'חדר' אריין, און פאלגן דעם רבי'ן, אין א חדר דארף מען פאלגן דעם רבי'ן!... און גיין נאר מיט 'גוטנס' איינער מיט אנדערן, רעדן מיט'ן אנדערן פונעם תכלית! און נישט שרייען הויך, נישט שיסן קיין 'פולווער'![לב]

אין שטוב אויך פירן א 'חינוך', אוודאי, פירן א חינוך על פי תורה, אויך מיט גוטנס! און בעטן דעם אויבערשטן!

און מיט 'זיך אליין' אויך אזוי - און דאס איז די וועג פונעם רבי'ן![לג]

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **לוי יצחק צוקר** הי"ו
ירושלים תובב"א
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת
**חנה** ע"ה ב"ר **שמואל דוב** הי"ו
י"ט חשון תשס"ה

לעילוי נשמת הב'
**יהושע דוד** ע"ה
ב"ר **מרדכי** הי"ו
ל' תשרי תש"פ

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט

---

[לא] עי' פרשת קדושים דף פ"ז ע"א, ועוד.

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ח' תניינא בענין התוכחה הראויה.

[לג] עי' ליקוטי הלכות הל' ציצית ה' אות ז': ... עַל-כֵּן כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְהוֹכִיחַ אֲפִלּוּ אֶת עַצְמוֹ, צָרִיךְ לְדַקְדֵּק מְאֹד שֶׁלֹּא יַפִּיל אֶת עַצְמוֹ ח"ו יוֹתֵר עַל-יְדֵי תוֹכֵחוֹת, שֶׁלֹּא יַחֲלִישׁ אֶת דַּעְתּוֹ וְנִשְׁמָתוֹ, עַל-יְדֵי שֶׁיִּזְכֹּר רַק אֶת מַעֲשָׂיו הָרָעִים עַד שֶׁיּוּכַל לִפֹּל לְגַמְרֵי ח"ו, עַל-כֵּן צָרִיךְ לְדַקְדֵּק לְהַטּוֹת כְּלַפֵּי חֶסֶד, לְחַפֵּשׂ לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת...